Oplata pocztowa uiszczona ry-załtem

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען!

# נייער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש - געזעלשאַפטליכע טאָג - צייטונג

| Nr. 232 (924 | Łódź, Wtorek 12 Października 1926 | פירטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דינסטאָג ד' מרחשון תרפ"ז. | Nr. 232 (924 |
|---|---|---|---|---|

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71 || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel 24 71


## נפלה עטרת ראשנו!

בלב נשבר ונדכה הננו מודיעים ע"ד האסון הגדול שקרנו בהלכה מאתנו
באַטוואָצק פאר משפחתנו, החסיד הישיש, הנגיד המפורסם לשבח ולתפארת
המוכתר במדותיו ובמעלותיו התרומיות

# נ. ע. משה אהרן וויענער

בעל-בית חרושת, יושב ראש „חברת אקציונית מ. א. וויענער"
בשנת השמונים וארבעה לימי חייו.
יום הלויה יודע על ידי מודעות מיוחדות.
השרוים בצער עמוק:
אשתו, בניו, חתניו, כלותיו, נכדיו ונינו.

1460


# מיניסטערן-ראַט אָנגענומען דעם ביודזשעט.

וואַרשאַ, 11 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט האַלב 12 האָט מאַרשאַל פּילסודסקי אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט'ן וויצע-פּרעמיער באַרטעל. נאָך 12 האָט זיך אָנגעהויבען די זיצונג פון מיניסטאָרען-ראַט. אין דער זיצונג האָט אויך אַנטיילגענומען דער דירעקטאָר פון ביודזשעט-דעפּאַרטאַמענט. דער ביודזשעט איז אָנגענומען געוואָרען אין דער אַלגעמיינער סומע פון 1 900,000,000 הכנסות און 1,899,000,000 הוצאות. אין 1926 איז דער ביודזשעט געווען 1.816 000.000 זל. לויט די בעזונדערע מיניסטעריומס שטעלען די ציפערען זיך אויף פאָלגענדען אופן: דער ביודזשעט פון קריגס-מיניסטעריום בעט עפּעס 622 מיליאָן זל. (אין 1926 — 583,400 000); בילדונגס-מיניסטעריום — 292 מיליאָן (אין 1926 - 272 מיליאָן); עפענטליכע אַרבייטען - 85 מיליאָן (1926 57 מיליאָן זל.; אינערן מיניסטעריום — 179 מיליאָן; פינאַנץ מיניסטעריום 100 מיליאָן זל. די איינקינפטען זעהט די רעגירונג פאָר: 275 מיליאָן זל. פון דעם ספּיריטוס-מאָנאָפּאָל; 275 מיליאָן פון טאַבאַק-מאָנאָפּאָל און 50 מיליאָן פון אַנדערע מאָנאָפּאָלען. דער מיניסטאָרען-ראַט האַלט, אַז דער ביודזשעט איז אַ רעאַלער: די הכנסות פון 1926 זיינען געווען 1.777,000.000 דערביי איז די 10 פּראָצ. הוספה צו די שטייערען איינקאַסירט געוואָרען בלויז פאַר 4 חדשים.

אין 1927 וועט די 10 פּראָצענטיגע הוספה גענומען ווערען אַ גאַנץ יאָהר, אין דאָס וועט איינברענגען 40 מיליאָן; פון איינפיהרען דעם פּולען מאָנאָפּאָל וועט איינפליסען נייע 60 מיליאָן און פון אַנדערע קוועלען 30 מיליאָן זלאָטעס.

## פּוילען אָנערקענט נישט דעם פּויליש-ליטווישען טראַקטאַט.

וואַרשאַ, 11 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) ווי מיר דערוויסען זיך ווערט אין דער נאָטע פון דער פּוילישער רעגירונג צו. אַנד. אָנגעוויזען, אַז דער רוסיש-ליטווישער טראַקטאַט געפינט זיך אין אַ דייטליכער סתירה צום § 3 פון ריגאַ'ער שלום אָפּמאַך. די פּוילישע רעגירונג ערקלערט דעריבער, אַז זי נעהמט נישט צו קענטניש דעם רוסיש-ליטווישען טראַקטאַט.

וואַרשאַ, 11. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). ווי מיר דערוויסען זיך, האָבען די איינוואוינער פון ווילנער און קאָוונער קאַנט אָנגעהויבען אַן אַקציע צוזאַמענצוקלייבען איינציגע הונדערט אונטערשריפטען אונטער אַ פּעטיציע צו דער פּוילישער רעגירונג, אַז זי זאָל אָננעהמען שריט, כדי אַנ'ענדע צו מאַכען צו די אַזוי נאָרמאַלע בעציהונגען, וואָס הערשען צווישען פּוילען און ליטע.

ווי מ'טיילט אונז ווייטער מיט זאָלען מאַרשאַל פּילסודסקי און מיניסטער זאַלעסקי האָבען ערקלעהרט, אַז זיי זיינען נישט מסכים אויף אַזעלכע מאַניפעסטאַציעס מצד דער בעפעלקערונג.

פון דער דאָזיגער אַקציע איז דעריבער נאָרגישט געוואָרען.

וואַרשאַ, 11 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) די פּוילישע רעגירונג האָט אָנגעהויבען די אונטערהאַנדלונגען מיט די סאָוויעטען וועגען אַ גאַראַנטיע פּאַקט.

## רעדשאַסער אידישער פּ.פּ.ס.'אָוויעץ

### דער אָנפאַלער אויך אַ פּ.פּ.ס. איז אַרעסטירט.

וואַרשאַ, 11 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט אַרום האַלב 11 אינדערפריה זיינען צו דעם יודישען טרעגער מאַטוס לובעלסקי, וועלכער איז געווען וויצע-פּרעזעס פון'ם טרעגער-פעראיין אויף לעשנאָ 31. (בעקאַנט אונטער'ן נאָמען חבר טאַדעאוש, אַ. פּ. פּ. ס'אָוויעץ) זיינען צוגעקומען 2 מיטגלידער פון דער פּ. פּ. ס. באָיובקע, סטאַניסלאַוו מאַקאָוועצקי און לוציאַן גראַשינסקי. און האָבען איהם פּרוואוּוירט מיט 6 קויהלען

אויפ'ן וועג אין שפּיטאַל איז לובעלסקי געשטאָרבען.

מאַקאָוועצקי איז צוגעגאַנגען צום פּאָליציאַנט און האָט איהם אָפּגעגעבען דעם רעוואָלוועד. ווען מ'האָט איהם געבראַכט אין אויספאָרשונגס-אַמט האָט ער געזאָגט, אַז ערקלערונגען וועט ער געבען נאָר דער פּאָליטישער פּאָליציי.

מ'גיט איבער, אַז פרייטאָג בעת דער שיסעריי אויף לעשנאָ 40 האָט מאַקאָוועצקי זייענדיג אַ ביסעל בגלופין זיך אַרויסגערעדט אין לובעלסקי'ס אָנוועזענהייט, אַז ער איז אַ קאָנפידענט. מאַקאָוועצקי זאָל אויך האָבען געזאָגט, אַז ער וויל נישט, אַז אין פּ.פּ.ס. זאָלען זיין יודען.

נעכטען אַרום 8 אַ זייגער אין אָוונד זענען אינ'ם שענק אויף ושעלאָזנאַ 64 גע־פּאַסט לוציאַן גראַשינסקי מיט נאָך 2 פּערזאָן.

דערווייל זענען אַריינגעקומען 3 אונבעקאַנטע און האָבען אָנגעהויבען אַ שיסעריי. גראַשינסקי איז פערוואונדעט געוואָרען די אַלע 5 אונבעקאַנטע זענען פערשוואונדען געוואָרען.

----

## מ. ווינאַווער.

פּאַריז, 11 (ספּ. טעל.) זונטאָג פּאַרטאָג איז אין זיין גוט סאַוואָיען געשטאָרבען דער בעקאַנטער יודישער געזעלשאַפטליכער טוער אַדוואָקאַט מ. ווינאַווער.


אחרי מחלה כבדה גוע ויאסף אל עמיו האיש הישר באדם נדיב
ויקר רוח המצוין במדותיו המצוינות ובלבו הטוב

נ"ע אברהם יעקב ב"ר בצלאל ז"ל

# גינזבערג

בשנת הששים וחמש לימי חייו.
ההלוי' תהי' היום, ביום ג' פ' לך, ד' חשון תרפ"ז בשעה 2 אחה"צ
ממעונו פּאָלודניאָוואַ 23
השרוים בצער עמוק
אשתו, אחיו, ואחיותיו, גיסיו,
וגיסותיו, קרוביו ומיודעיו.

1961

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47 tel. 26-02
אונערליכע קראַנקהייטען. פּעצעל. לונגען און האַרץ-קראַנקהייטען בעשטראַהלונגען מיט קונסטליכע בערג-זון.
נעמט אָן פון 3—5 נאָכמיטאָג.
1871

